# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:43
מוצאי שב״ק.................6:04

**שיעורים כסדרן**
נ״ך.......................הושע ד׳-ה׳
בבלי.......................נדרים פ״א
ירושלמי...............ברכות ס״ב
תוספתא.................נדרים ה׳
רמב״ם...............טוען ונטען י׳

פרשת שמות, כ״א טבת, שנת תשפ״ג לפ״ק
שנה 12, גליון 16 (586)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

תִּכְבַּד הָעֲבֹדָה עַל הָאֲנָשִׁים וְיַעֲשׂוּ בָהּ וְאַל יִשְׁעוּ בְּדִבְרֵי שָׁקֶר. אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר פַּרְעֹה, גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריְקַייטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָּלוּת, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי שְׁנֶעל, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה זָאגְן עֶר זָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם אוּן פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן פַּרְעֹה הָאט נָאכְאַמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט, אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט עֶטְלִיכֶע מָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט פַּרְעֹה.

דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן, אֵיינְמָאל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ בַּיי פַּרְעֹה אוּן אֵיינְמָאל אִיז עֶר בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָט בִּין אִיךְ בַּיי פַּרְעֹה אוּן אָט בִּין אִיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן ה׳), אוּן דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, עֶר הָאט דַאן גֶעוואוֹינְט נֶעבְּן זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל אִינֶעם דֶערְפְל הוּסְיַאטִין, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי׳נְס שְׁוֶוער, הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים אוּן גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען פְּשׁוּטֶערְהֵייט, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת; זַיין דַאוֶונֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אַ קִינְד דַאוֶונְט, אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ סִידוּר, אָן חָכְמוֹת, אָן דְרֵיידְלֶעך, אוֹיךְ זַיין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט פַאר יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ לַאנְגֶע צֵייט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אַמָאל אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶונֶען, מֶען הֵייבְּט אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה, אוֹיף יֶענֶע מִדָּה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען מֶען זֶעט אָבֶער וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זִיךְ אַז קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, יֶעדֶע זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיז דָאס מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז, זֶעעֶנְדִיג וִוי פַאר יֶעדְן קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער, אֲפִילוּ פַאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת. דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת; מֶען טְרַאכְט אֵייבִּיג, ׳דֶער צַדִּיק אִיז אַ צַדִּיק וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין נִסְיוֹנוֹת, עֶס קוּמְט אִים אַלֶעס אָן גְרִינְג, אִיךְ קֶען אָבֶער נִישְׁט זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין פַאלְן׳, דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט, טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ נֵייעֶ קַבָּלָה, אוּן הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אֵיין מָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אַ דְרִיטֶע מָאל, מַאכְט עֶר אָפּ, ״שׁוֹין, גֶענוּג גֶעוֶוען, אִיךְ הָאב שׁוֹין פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט!״, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען זָאגְן אוֹיף זִיךְ ״אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קַבָּלוֹת, אִיךְ הָאב שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, קֶען זַיין הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צְוֵויי מָאל, דְרַיי מָאל, צֶען מָאל, צְוָואנְצִיג מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, מֶערְסְטְנְס טוֹיזְנְט מָאל, אָבֶער נָאךְ טוֹיזְנְט מָאל פְּרוּבִּירְן אוּן דוּ פַאלְסְט נָאכְאַלְץ אַרָאפּ, דַאן הֵייבְּסְטוּ שׁוֹין אוֹיף דִי הַאנְט, ״אִיךְ גֶעבּ אוֹיף, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט״, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אָבֶער: ״אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ׳צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל׳, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מַיין ווִילְן!״

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שִׁיעוּר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין דַאוֶונֶען? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיינֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּ טוּן דָאס יָאר? רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע קַבָּלוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּם נֵייעֶם יָאר, פַארְוָואס? וַוייל עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן? עֶס גֵייט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם; פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אִיז עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען מִיר שְׁפִּירְן זִיךְ פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר פַּרְעֹה, פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּם יֵצֶר הָרָע, דַארְפְן מִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל לוֹיפְן צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר וֶועט אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אַלְץ אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל מֶען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן, אוּן בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָּלוּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֶמֶת׳עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שְׁמוֹת תשפ״ב)

## מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ״ים טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ״ים, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיבּ וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס ווִיל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען ווִיל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיטְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מְטַהֵר אוּן מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן פוּן בָּאבּוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: ״אוֹיבּ וֶועל אִיךְ עֶנְק זָאגְן צוּ פַאסְטְן אוּן צוּ מַאכְן סִיגוּפִים, עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת - וָואלְט אִיר מִיר גֶעגְלֵייבְּט אַז דָאס אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע חֲטָאִים, אוּן אַז אִיךְ זָאג עֶנְק אִיר זָאלְט לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא - דָאס גְלֵייבְּט אִיר נִישְׁט אַז דָאס אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶעט אוֹיס צוּ פָּשׁוּט״; עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נָאךְ מֶער מְתַקֵּן פוּן אַלֶע סִיגוּפִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ״ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וואוּ קֶען מֶען אַנְטְלוֹיפְן?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט) עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסוּרִים, אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען פוּל מִיט יִסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָד", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, "קְצַר יָמִים", דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג, "וּשְׂבַע רֹגֶז", אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, "כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אוּן גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן; "נָאר דָאס אִיז יָא אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען".

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִילָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען אִיר קְרִיגְן". דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', "כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם", דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיינְס, "כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", וַוייל יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יִסוּרִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי הוֹיךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער חִידוּשׁ אִיז רֶבִּי נָתָן"; דֶער רֶבִּי, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, לְמַעֲלָה מֵהַשָּׂגָתֵנוּ, רֶבִּי נָתָן אִיז דֶער חִידוּשׁ, אוּן נָאר דוּרְךְ אִים וֵוייסְן מִיר פוּן רֶבִּי'ן אוּן מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער גוּטֶע לֶעבְּן.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר צוּהֶערְן דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, רֶבִּי נָתָן הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר) אוּן טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אֵייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ג)

# מְ'דַארְף זִיךְ נֶעמֶען אִין הַאנְט אַרַיין

חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ט':) "שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו, לְפִיכָךְ נָקְרוּ פְּלִשְׁתִּים אֶת עֵינָיו", שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן אִים דִי פְּלִשְׁתִּים אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן דִי אוֹיגְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, וֶוען אַ אִיד הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, קֶען עֶר נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק לַיידְן דֶערְפוּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אוֹיף זַאכְן וָואס עֶר ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל קוּקְן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ה') "לִבָּא וְעֵינָא תְּרֵין סַרְסוּרִין דְחַטָאָה, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יְהָבְתְּ לִי לִבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע כִּי אַתְּ לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַ אִיד: "אוֹיב גֶעבְּסְטוּ מִיר דַיין הַארְץ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן, דַאן וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער!"

צוּ דֶעם קֶען מֶען אָבֶּער נָאר זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי צְוֵויי עֵצוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, וֶוען אַ אִיד וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אָפְּלָאזְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן, עֶר וֶועט זִיךְ אֱמֶתְ'דִיג קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּירְן אוּן זֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ זִיס מַאכְן דָאס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס זוֹיבֶּערֶע אוֹיגְן)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ'ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיב וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב".

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען הַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער מִיט דֶעם זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע. עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל סַיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן, קֶען עֶר אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם זוּכְן אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אוֹיב דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ זוּכְן. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַארְ'ן סַמַ"ךְ מֶ"ם אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן עֵצָה. דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה...

אוּן דִי עֵצָה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס, אַז מֶען וֶועט לַאכְן... מֶען וֶועט אוֹיסְלַאכְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, מֶען וֶועט חוֹזֵק מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי עֵצָה אַרְבֶּעט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט... וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶתְ'דִיגְן בְּלִיק, זֶעט עֶר אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק אַ אִיד אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" פַאר זַיין פָאטֶער. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר אוּן גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ"ים טֶעג צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ הַפָּצָה וְעֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קס)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן צוּ בִּינְדֶען דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

### תקסה

דָאנֶערְשְׁטָאג אִיז פַארְעֶנְדִיגְט גֶעוָוארְן דָאס בִּינְדֶען אַלֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן כְּתַב יַד אִין אֵיין בַּאנְד, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' אַזוֹי וִוי עֶס אִיז יֶעצְט גֶעדְרוּקְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר פוּנֶעם סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, " נָאכְאַלְץ בִּיסְטוּ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ ? ! וֶועסְט נָאךְ אַמָאל וִויסְן מַיין גְרוֹיסְקֵייט !".

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר בַּיי זִיךְ, דֶער סֵפֶר הַנִּשְׂרָף [זֶע אִיבֶּער דֶעם וַוייטֶער אִין סִימָן תקפ"ו].

### תקסו

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שִׂמְחָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זַיין נָאמֶען". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת אַז דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט פַארְגֶעסְט עֶר זַיין נָאמֶען, דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֵת אִיז זֵייעֶר בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט זַיין נָאמֶען.

אַ אִיד דַארְף אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען עֶר זַיין פְרֵיילִיךְ בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אֵיין צַייט אִין טָאג דַארְף מֶען בַּאשְׁטִימֶען אוֹיף דֶעם, זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף פַארְעֶכְטְן, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר אִיז נָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת, נָאר הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זַיין אַלְץ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אוֹיסֶער וָואס דָאס הֶעלְפְּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, קֶען מֶען מִיט דֶעם מְחַיֶּה' זַיין נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער גָאר שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אִין לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַאר וֶועמֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זֵייעֶר בִּיטֶער הַארְץ פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אוּן וֶוען זֵיי בַּאגֶעגֶענֶען אֵיינֶעם מִיט אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים, אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט זֵיי אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט פוּן דֶעם.

קוּמְט אוֹיס אַז מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעזִיכְט, אִיז עֶר מַמָּשׁ מְחַיֶּה' אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּעֲנִית כ"ב:) פוּן דִי צְוֵויי בַּדְחָנִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### תקסז

פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיז מֶען אַרַיינְגֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס, אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אַ נָאמֶען אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פַאר "יִהְיוּ לְרָצוֹן" אַ פָּסוּק וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם נָאמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען זָאגְן פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, אוֹיף וָואס זֵייעֶרֶע נֶעמֶען זֶענֶען מְרַמֵּז, סְפֶּעצִיעֶל הָאט עֶר גֶערֶעדְט פוּן זַיין תַּלְמִיד ר' שִׁמְעוֹן, וָואס אִיז אִין יֶענֶעם טָאג צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "שִׁמְעוֹן אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'עָוֹן מָשׁ'", עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט עֶרְקְלֶערְט וָואס דָאס מֵיינְט אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס הָאט מִיט דֶעם ר' שִׁמְעוֹן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "דִי וֶוערְטֶער 'עָוֹן מָשׁ' אִיז מַמָּשׁ דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן אוּן בְּחִינָה פוּן ר' שִׁמְעוֹן", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט, "אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט טוֹעֶה זַיין; וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אוֹיף אַ נָאמֶען וָואס דָאס מֵיינְט פַאר דִיר, מֵיינְט עֶס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ צְוֵוייטֶער מִיטְ'ן זֶעלְבְּן נָאמֶען הָאט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וַוייל יֶענֶער קֶען זַיין גָאר אַן אַנְדֶערֶע בְּחִינָה", מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז יֶעדֶער הָאט עֶפֶּעס אַ גֶעוִויסֶע בְּחִינָה וָואס אִיז מְרוּמָז אִין זַיין נָאמֶען, יֶעדֶער לוֹיט זַיין זַאךְ, אוּן דֶער רֶבִּי וֵוייסְט דָאס גוּט.

דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם ר' שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן רֶבִּי'ן [זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן ס"ז], אוּן עֶטְלִיכֶע יָאר שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, הָאט עֶר אַמָאל אוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט בַּיי אִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט עֶס צוּ בַּאצָאלְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אוֹיף דֶעם קוּמְט דִיר צוּ פַארְשִׁיקְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דַאן גֶעפִירְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן צוּם גֶעגְנְט פוּנֶעם טַייךְ 'דַאן', וָואס אִיז מֶער פוּן הוּנְדֶערְט פַּרְסָאוֹת וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, טִיף אַרַיין אִין רוּסְלַאנְד, וָואס דָארְט גֶעפוּנֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קַיין אִידְן, נָאר אֶפְשָׁר אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְט, וּבִפְרַט אִין יֶענֶע יָארְן.

ר' שִׁמְעוֹן הָאט נָאר גֶעדַארְפְט אַהִינְפָארְן אוֹיף צַייטְוַוייליג, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען מְקוּיָּם גֶעוָוארְן אוּן ר' שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר אַסַאךְ יָארְן, אוּן עֶר אִיז דָארְט אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן מִיט שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי וַוייט אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרִיבֶּער דָארְט גָאר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אַן עֲרֵלִית אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים צוּגֶערֶעדְט צוּ אַן עֲבֵירָה, עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִיר וַוייל זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, הָאט ר' שִׁמְעוֹן דַאן גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן זַיינֶע לִיפְּן, עֶס הָאט גֶעגָאסְן אַסַאךְ בְּלוּט פוּן אִים, אוּן דַאן אִיז זִי אַנְטְלָאפְן פוּן אִים.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# עֶנְדֶערְשׁ אַ כַּלָה וָואס שֶׁערְט זִיךְ, אָדֶער אַ שִׁידוּךְ פוּן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, מֶען רֶעדְט מִיר אַ שִׁידוּךְ אַ מֵיידְל פוּן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, אַלֶעס זֶעט אוֹיס פַיין, אָבֶּער זֵיי זָאגְן אַז בַּיי זֵיי פִירְט מֶען זִיךְ אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן נִישְׁט דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרָאגְט מֶען אָן אַן אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ, אַ וואוֹילֶע מִשְׁפָּחָה, אַ גוּטֶע מֵיידְל, וָואס בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען זִיךְ יָא, אָבֶּער זֵיי ווִילְן אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זֵיי ווִילְן אִיךְ זָאל דָאס צוּזָאגְן אוּן אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן עֶנְדֶערְשׁ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם שִׁידוּךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה וָואס שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער מִיךְ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ דַארְף צוּזָאגְן אַז אִיךְ לָאז אָפּ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ. בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי שִׁידוּךְ פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וָואס בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען זִיךְ אָפּ דִי הָאר, אֲפִילוּ זֵיי ווִילְן זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, ווִי אֵיידֶער דִי שִׁידוּךְ פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. אֲפִילוּ אִין יַבְנְאֵל וָואס רוֹב רוּבָּם פוּן דִי אַיינְוואוֹינֶער זֶענֶען אָפְּשְׁטַאמִיגֶע פוּן סְפַרְדִּי'שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דֶעם. מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אִיז גֶעגַאנְגֶען אַמָאל קַיין יַבְנְאֵל מְחַזֵּק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט, דִי צְנִיעוּת בַּיי דִי פְרוֹיעֶן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּוואוּנְדֶערְן אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטֶעטְל וָואס אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען אָפְּגֶעשוֹירְן; אִיז אַוַדַאי זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גֵיין צוּם שִׁידוּךְ וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן דִי פְרוֹי שֶׁערְט זִי אָפּ דִי הָאר, מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה רוּט אִין שְׁטוּבּ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי הָאר וַואקְסְן אוּן עֶס זֶעט זִיךְ אַרוֹיס דִי הָאר - אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקְעדִיג. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:) 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ'

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּבּ, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר: 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

גֵיי צוּם שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא; וָואס מֵיינְט 'אָפְּלָאזְן'? וִוי אִיז שַׁיָיךְ אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי"ן? בְּלַייבּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי"ן, הֶעכְסְטְנְס וֶועסְטוּ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט נִישְׁט קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ; וֶועסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל, הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נט) דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, "יֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁנָּפְלוּ מִקְּדֻשָּׁתָם", עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַאלְן צוּרִיק, "אַף עַל פִּי כֵן מֵאֵלּוּ שֶׁנִּשְׁאֲרוּ בְּיִרְאָה שָׁלֵם", פוּן דִי בּוֹיט זִיךְ הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, עַיֵּין שָׁם. הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִיז חִיזוּק צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, מִיט תְּפִלָּה וְכוּ'; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט דִי וֶועג פוּן הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ - וֶועסְטוּ גָאר מְקָרֵב זַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; אַלֶע וָואס מֵיינֶען עֶפֶּעס אִיז שְׁלֶעכְט אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, אַלֶע וֶועלְן מְקוֹרָב וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ג)

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **אברהם ראטמאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **בנציון** (ב"ר נפתלי) **יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **אברהם נחום ליעבערמאן** הי"ו
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור החשוב **נתנאל ליעבערמאן** נ"י
***
החתן מו"ה **רפאל כ"ץ** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# בית המדרש היכל הקודש בני ברק

# אריבערגעצויגן צו א גרעסערע בית המדרש

געלויבט דער אייבערשטער אז די שיינע ווינקל אין היכל הקודש בני ברק האט זיך שוין פארברייטערט צו א גרעסערע בית המדרש. נישט לאנג צוריק האט מען געעפענט דעם שיינעם ווינקל, וואו אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם צו דאווענען אינאיינעם און זיך מחזק זיין צוזאמען, מען איז זיך מחזק מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז, אויך האט מען שוין געהאט די זכי' אז פאריאר איז דער ראש ישיבה געווען אין דעם בית המדרש און מחזק געווען דארט אנשי שלומינו.

ברוך השם אז דער פלאץ איז שוין אויסגעוואקסן און מען האט געדארפט האבן א גרעסערע פלאץ כדי עס זאל זיין געשמאק פאר אלע אנשי שלומינו וואס קומען דארט דאווענען, אויך האט דער בעל הבית געמאלדן אז בקרוב גייט מען אראפווארפן דעם בנין, ממילא דארפט מען טרעפן ווי שנעלער א נייעם פלאץ.

נאך אסאך תפילות פאר א גרעסערע און שענערע פלאץ האט מען ברוך השם געטראפן גאר א געשמאקן פלאץ וואס געפונט זיך אין צענטער פון שטאט אויף רחוב ירושלים, און פארגאנגענעם מאנטאג ויחי ערב די יארצייט פון הייליגן רבי נתן זצ"ל האט מען באנייט דעם בית המדרש, אלע אנשי שלומינו האבן ארויסגעהאלפן מיט'ן זיך אריבערציען צום נייעם לאקאל, מען האט צאמגעפאקט אלע ספרים און חפצים פונעם פריערדיגן בית המדרש און מען האט אלעס אריבערגעברענגט צום נייעם בית המדרש.

די נאכט פון עשרה בטבת, אינעם טאג פונעם יארצייט פון הייליגן רבי נתן זצ"ל האט מען באנייעט דעם בית המדרש, אנשי שלומינו פון שטאט בני ברק זענען זיך צאמגעקומען און מען האט געפראוועט א שיינע סעודה צוזאמען, מען האט געהאט א סיום פון א בחור בשעת מעשה, מען האט געזינגען שיינע ניגונים צוזאמען, און דערנאך האט מען געהערט גאר ווארימע דיבורים פונעם גבאי מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז אז מיר זענען נאך אלס ביים רבי'ן, און מיר ווילן נאכאלץ הערן די דיבורים פון רבי'ן, דאס איז די גרעסטע מתנה.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן קפ"ז) ווען ער איז אוועקגעפארן פון שטאט ברסלב קיין אומאן: "תראו להתקבץ יחד, ולהתפלל יחד" איר זאלט זיך האלטן צוזאמען און דאווענען צוזאמען, "כי אם תתפללו בכונה, אולי תוכלו להמשיך אותי לכאן עוד הפעם", אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען און דאווענען צוזאמען - וועט איר מיר קענען ממשיך זיין צו אייך.

**הרחבת גבולי הקדושה!**

***

# היכל הקודש בארא פארק וואקסט און בליעט

דער בית המדרש היכל הקודש אין בארא פארק, וועלכע געפונט זיך אויף 4801 11 עוו. איז א הערליכע ווינקל וואס האט מצליח געווען איינצונעמען די שטאט אין די קורצע צייט וואס זי געפונט זיך דארט. עס קומען כסדר צו פרישע מקורבים, און פילע שכנים קומען כסדר אריין צו די תפילות, און צו נעמען די הערליכע גליונות, וואס אן דעם קען מען נישט אנגיין.

יעדע נאכט קומט פאר א שיעור גמרא פאר א האלבע שעה אום 8:20, וואס ווערט נאכגעפאלגט מיט א קורצע שיעור אין ספר המידות, זונטאג איז דער שיעור אום 7:15, און דאנערשטאג אום 7:45, דער שיעור ווערט פארגעלערנט דורכ'ן געטרייען גבאי מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו. נאכן שיעור קומט פאר געשמאקע שיחות חברים, מען שמועסט פון מעשיות פון תפלה, ווי דער אייבערשטער העלפט ווען מען בעט אים, אזוי אויך מעשיות פון הפצה, אזוי אויך קומען פאר פילע סיומים, ווען אינגעלייט און בחורים ענדיגן כסדר משניות, מסכתות הש"ס, און נאך מקצועות התורה.

שבת קודש מעין עולם הבא קומט מען זיך צוזאם צו אלע תפלות, שבת קודש אינדערפרי איז דא א גמרא שיעור אום 8:45, און דערנאך אום 9:15 לערנט מען א קורצע שיעור אין שיחות הר"ן. נאך א געשמאקע ווארעמע דאווענען לערנט דער געטרייע גבאי פאר א הערליכע שמועס אין ספר סיפורי מעשיות, וואס וועקט אלעמען אויף פון שלאף, און דערמאנט זיי דער תכלית צו וואס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט.

פארגאנגעם מאנטאג נאכט איז פארגעקומען א שיינע סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן זי"ע ווי א ריזיגער ציבור איז זיך צוזאם געקומען, און מען האט מיטגעהאלטן דעם שמועס וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן.

אזוי ווי עס ווערט כסדר פארמערט די מתפללים האט מען יעצט צוגעקויפט פילע פרישע ספרים, סידורים, און חומשים, נדבת מו"ה שמעון גאנצפריעד הי"ו איינער פון די חשובע מתפללים וואס איז שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן, אויך האט ער באשטעלט פרישע ספרים שענק כדי נאכצוקומען דעם גרויסן ציבור וואס קומט כסדר צו צו נהנה זיין פון דעם לעכטיגן ווינקל וואס באשיינט גאנץ בארא פארק.

**הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

# ובלכתך בדרך

מיטזאגן: משניות, תהלים, תיקון הכללי,
תפלת הדרך, בבלי, ירושלמי, תוספתא,
חומש, שלחן ערוך, ליקוטי מוהר"ן, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 9**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**